לקוטי שיחות

Name: ______________________________

# Staying FOCUSED






# פרשת בלק

BACK 2 BASICS
Seeing The Parsha The Way The Rebbe Does

SHLUCHIM 71
YESHIVA COLLEGE

# פרשת בלק

ד. אין בלעם׳ס נבואה זאָגט ער, מראש צורים אראנו ומגבעות אשורנו, וואָס צורים גייט עס אויף די אָבות און גבעות אויף די אמהות[21], ועל דרך קול דודי וגו׳ מדלג על ההרים מקפץ על הגבעות[22].

מען האָט דאָך גערעדט — בשיחת י״ב תמוז — אַז בלעם האָט געשטאַמט פון לבן׳ען, ווי ער זאָגט בלעם בן בעור — צי בן בעור ממש אָדער בן בנו, אָדער על כל פנים מיוצאי חלציו — און בעור זה לבן[23]. לבן האָט געזאָגט: הבנות בנתי והבנים בני, איז אויף מבטל זיין די טענה, האָט מען געדאַרפט האָבן אַז איינער מיוצאי חלציו אַליין זאָל מודה זיין, מראש צורים אראנו ומגבעות אשורנו, צורים אלו האבות וגבעות אלו הא־מהות.

פון דעם איז מובן, אַז די טענה פון לבן׳ען, הבנות בנתי והבנים בני, האָט אַ געוויסן יסוד. ווארום אויב די טענה וואָלט גאָר קיין יסוד ניט געהאַט, וואָלט מען דאָס ניט אַריינגעשטעלט אין תורה, און מען וואָלט ניט געדאַרפט האָבן אַז בלעם, וואָס ער איז מיוצאי חלציו של לבן, זאָל די טענה מבטל זיין.

ה. וואָס איז דער מיין פון לבן׳ס טענה, הבנות בנתי והבנים בני?

וויבאַלד אַז הנשמה ירדה לגוף און זי האָט צו טאָן מיט גשמיות, הגם אַז באמת איז דאָס צוליב מברר זיין די גשמיות, אָבער המתאבק עם מנוול מתנוול גם כן[24], הגם טאָ־קע אַז דאָס איז נאָר לשעה קלה, ברגע קטן עזבתיך[25], און שפע־טער וועט ער דערפון אַרויסגיין, אָבער בשעה ורגע זה על כל פנים איז דאָך דאָס אַ ירידה, ווארום ברגע זה האָט ער צו טאָן מיט דברים גשמיים וחומ־ריים און ווערט אַ נפרד פון אלקות.

— וואָס באמת ווערן אַ נפרד חלילה פון אלקות אַפילו אויף אַ קורצע ווײַלע, איז דאָס נאָר מצד רוח שטות, אָבער ווען ניט דער רוח שטות — איז מצד השכל דקדושה, אַפילו מצד שכל סתם, שכל הבריא, האָט קיין אָרט ניט אַפּצורייסן זיך פון אלקות אַפילו אויף אַ קורצע ווײַלע, ווארום די רגע איז אַן אַבידה שאינה חוזרת, ובפרט — ווי דער ענין ווערט דערקלערט אויספירלעך אין תניא[26] — אַז די רגע איז אין אַן ענין וואָס איז למעלה מה־זמן. —

נאָכמער, דאָס איז אויך נוגע אויף שפּעטער, ווי ער זאָגט דאָרט אין תניא, אַז אויב ער ווערט אַ נפרד איצטער מצד דעם וואָס ער פאַר־לאָזט זיך אַז שפּעטער וועט ער אַרויס־גיין דערפון, איז דאָס אַן ענין פון אחטא ואשוב שאין מספיקין בידו לעשות תשובה[27], און מען מוז שוין אָנקומען צום דחק ונכנס.

21) במדבר רבה כ, יט.
22) שיר השירים ב, ח.
23) זע הערה 17.

24) תניא פרק כח. און זע דאָרט פרק ח.
25) ישעי׳ נד, ז.
26) פרק כה.
27) יומא פה, ב.

# CLASSICAL CONCEPTS

1. This week's Parsha tells us of the different interesting phrases Bilam used to describe the Jewish nation. Amongst them, is the Possuk "כי מראש צורים אראנו ומגבעות אשורנו" - From their beginning, I see them as mountain peaks and I behold them as hills". The Medrash explains that this Possuk is referring to our forefathers. "Mountains" are referring to the fathers, Avraham, Yitzchok and Yakov, and "Hills" are referring to the mothers, Sara, Rivkah, Rochel and Leah. Bilam was saying that the Jewish people come from ancestors that are compared to "mountains" and "hills".

2. Bilam was a descendant of Lavan, and was coming to retract a mistake his ancestor had made. Lavan also made a statement regarding the Jewish people and where they come from. Lavan said "הבנות בנותי והבנים בני" "The daughters are my daughters and the sons are my sons". He was claiming that the Jewish people are also his children and have a connection to him. For this reason, a descendant of his had to make it clear that this claim is incorrect and false, and the Jewish people are only connected to their holy forefathers.



# טייטש TRANSLATIONS

| טייטש | ווארט |
|---|---|
| One that wrestles with some one dirty, becomes dirty like him | המתאבק עם מנוול... |
| For a brief moment | לשעה קלה |
| For a small time I have deserted you | ברגע קטן עזבתיך |
| Go out from there | דערפון ארויסגיין |
| And becomes separated | און ווערט א נפרד |
| For a short amount of time | אויף א קורצע ווייל |
| Healthy mind | שכל הבריא |
| To tear himself away | אפצורייסן זיך |
| A loss that never comes back | אבידה שאינה חוזרת |
| Clearly explained | דערקלערט אויספירליך |
| Depends on | פארלאזט זיך |
| Go out from there | ארויסגיין דערפון |
| One that says "I will sin and then do T'shuvah" we don't give the opportunity to return | אחטא ואשוב שאין... |
| Push his way in | דחק ונכנס |

| טייטש | ווארט |
|---|---|
| From their beginning, I see them as mountain peaks | מראש צורים אראנו |
| And I behold them as hills | ומגבעות אשורנו |
| It is referring to | גייט עס אויף |
| The sound of my beloved | קול דודי |
| Skipping over the mountains | מדלג על ההרים |
| Jumping over the hills | מקפץ על הגבעות |
| Came | געשטאמט |
| At least | על כל פנים |
| From his descendants | מיוצאי חלציו |
| The daughters are my daughters | הבנות בנותי |
| And the sons are my sons | והבנים בני |
| In order to nullify | איז אויף מבטל זיין |
| Needed to have | געדארפט האבן |
| Has some sort of foundation | האט א געוויסן יסוד |
| Inserted | אריינגעשטעלט |
| The meaning | דער מיין |
| Has to do | האט צו טאן |

במילא טענה׳ט לבן, אַז הבנות בנתי והבנים בני, וויבאַלד אַז דו דאַרפסט אָנקומען און האָבן צו טאָן מיט גשמיות, איז על כל פנים אויף יענער רגע — וואָס דאָס איז אויך נוגע אויף להבא כנ״ל — רייסטו זיך אָפּ פון אלקות. דאָס איז לבן׳ס טענה.

אָבער דער אמת איז ניט אַזוי.

ווייל אויב מען טוט אין די דברים הגשמיים צוליב דער כוונה אלקית וואָס איז פאַראַן אין דעם, וואָס די כוונה איז להיות לו יתברך דירה בתחתונים[28], און דערפאַר טוט ער מיט די ענינים תחתונים, דעמאָלט איז דאָס אַפילו אין יענער רגע גופא אויך ניט קיין ירידה נאָר אַן עלי׳, ביז אַז אַפילו בלעם אַליין, מיוצאי חלציו של לבן, וואָס ער איז געווען אַ שתום העין, האָט אויך געזען, אַז מראש צורים אראנו ומגבעות אשורנו.

ו. דער ענין אין עבודת השם איז: אַז מען קומט צו גיין און מען טענה׳ט, אַז מצד ירידת הנשמה בגוף דאַרף מען דאָך אויך על פי תורה עוסק זיין זיך אין גשמיות, און פרנסת בני ביתו איז דאָך אַ מצוה און אַ חיוב[29], במילא דאַרף ער זיך צוגרייטן צו עניני עסק און מאַכן הכנות צו דעם;

נאָכמער, חסידות אַליין איז דאָך מבאר, אַז וברכך הוי׳ אלקיך בכל אשר תעשה[30] דוקא, דאָס מיינט די לבושי העשי׳ הגשמיית; עס זיינען ניט געגוג לבושים פון די מזלות העליונים, נאָר מען דאַרף האָבן די לבושים פון עולם הזה הגשמי.

במילא, כאָטש ער טוט עס טאַקע צוליב דער כוונה אויף צו דינען דעם אויבערשטן, וואָס דורך די עניני עסק הגשמיים וועט אים צוקומען אַ תוספות אין לימוד התורה און אין קיום המצוות, אָבער אין יענער רגע על כל פנים איז ער זיך עוסק בגשמיות, אַזוי ווי להבדיל ניט קיין איד חס ושלום.

דאַרף מען וויסן אַז דאָס איז די טענה פון לבן׳ען, הבנות בנתי והבנים בני, וואָס ער האָט גע׳טענה׳ט אַז אידישע גשמיות געהערט צו לבן׳ען.

אָבער דער אמת איז, אַז מראש צורים אראנו ומגבעות אשורנו. בשעת מען מאַכט אַ מעקה צו דעם בית חדש — ווי מען האָט גערעדט בשיחת יב־יג תמוז, אַז בשעת מען גייט אַרויס פון די דל״ת אמות של תורה ותפלה צו עוסק זיין זיך אין עניני עולם, מאַכט מען אַ מעקה, — הערט זיך דעמאָלט אָן בשעת דעם עסק הגשמי גופא די כוונה אלקית וואָס איז פאַראַן אין דעם, ובמילא איז מראש צורים אראנו ומגבעות אשורנו, וואָס זיי זיינען דאָך בכל ענייניהם געווען בבחינת מרכבה, און אַזוי אויך יעדער איינער בעת קיום

28) זע תנחומא נשא טז.

29) זע כתובות מט־ב. שולחן ערוך אבן העזר סימן עא, סעיף א.

30) דברים טו, יח. קונטרס ומעין מאמר יט און ווייטער.

# CLASSICAL CONCEPTS

# טייטש TRANSLATIONS

| טייטש | ווארט | טייטש | ווארט |
|---|---|---|---|
| The "clothing" of this physical world | לבושי העשי' הגשמיית | Since | וויבאלד |
| Not enough | ניט גענוג | Must come onto | דארפסט אנקומען |
| Although | כאטש | That moment | יענער רגע |
| For the sake of | צוליב | You tear yourself away | רייסט זיך אפ |
| To serve | צו דינען | if | אויב |
| He will gain | וועט אים צוקומען | In order | צוליב |
| But in that time | אבער אין יענער רגע | There is | פאראן |
| Just like | אזוי ווי | Therefore he is involved | דערפאר טוט ער |
| A non-Jew | ניט קיין איד | Then | דעמאלט |
| One must know | דארף מען וויסן | Itself | גופא |
| Belong | געהערט | Until | ביז |
| One makes | מען מאכט | An open eye | שתום העין |
| Guardrail | מעקה | Saw | געזען |
| Like we spoke | ווי מען האט גערעדט | One claims | מאן טענה'ט |
| Goes out | גייט ארויס | One must | דארף מען |
| It is felt then | הערט זיך דעמאלט אן | Prepare | צוגרייטן |
| Itself | גופא | Matters of business | עניני עסק |
| There is | פאראן | Furthermore | נאכמער |
| Every person | יעדער איינער | And Hashem will bless you in all the work you do | וברכך הוי' אלקיך... |

3. If the Torah found it so important to have Lavan's statement refuted, we must say that there is room to believe that it was accurate. If Lavan's claim was truly baseless, it would have been completely unnecessary to disprove it. We must now understand what Lavan was indeed trying to say, and the reason the Torah considers it to be untrue.

4. Lavan made a very simple calculation. Although the Jews are a holy people with a holy mission, it is inevitable that certain parts of their day will be spent in regular physical activity. They will go to work, eat food, go to sleep, and involve themselves in all other necessary activities in order to function as normal human beings. Lavan was claiming that it may be true that while a Jew is involved in serving Hashem he is directly connected to his forefathers and he "belongs" to them, but during the other times, the times when a Jew is forced to deal with the "real world", he no longer has that connection. "During those times", Lavan claimed, "they are my children". During the times that a Jew is not directly involved in the spiritual service of Hashem, he is temporarily removing himself from that union and associating himself with "Lavan".



5. Furthermore, those moments that a Jew removes himself from the confines of his spiritual service would have an impact on the times when he is serving his creator. Every action of a Jew reaches levels that are beyond the concept of time. This be-

המצוה און, ווי דערקלערט, אין אַלע זאַכן וואָס ער איז אין זיי מקיים — בכל דרכיך דעהו[31].

אַזוי איז דאָס אויך אין לימוד התורה, וואָס ער לערנט מיט זיין שכל אנושי, דאַרף מען דאָ אויך האָבן די מעקה, ווי מען האָט גע־רעדט באַרוכּה, אַז עס דאַרף זיין דער שער הנו״ן, מחבר זיין די נקודה בהיכלא, ד. ה. אַז שטייענדיק אין השגה והבנה אין שכל האנושי, זאָל זיך אָנהערן די נקודת היהדות.

בכלל מיינט עס, אַז אין יעדער זאַך וואָס ער טוט, סיי בעסק גשמי ממש און סיי בלימוד התורה בשכלו האנושי, זאָל זיך הערן אין דעם די כוונה האלקית, וואָס דעמאָלט איז דאָס אַפילו בשעת מעשה גופא ניט קיין ירידה, נאָר אדרבה אַן עלי׳, ווייל דאָ גופא פירט זיך אויס דעם אויבערשטנס כוונה.

(משיחות ש״פ בלק, תשט״ז)

# פרשת פנחס

א. אין היינטיקער סדרה ווערט דערציילט, אַז ווען עס איז פאָר־געקומען די מעשה זמרי, האָט מען ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, כאָטש עס זיינען געווען דערביי משה ואלעזר * מיט די זקנים. האָט זיך דאַן אָנגע־רופן פנחס, וואָס ער איז געווען דער צעיר שבחבורה[1] (די גמרא[2] רעכנט אויס דעם סדר ווי משה האָט געלערנט תורה מיט אידן: צו ערשט האָט ער געלערנט מיט אהרן׳ען, דער־נאָך מיט אלעזר ואיתמר, דערנאָך מיט די שבעים זקנים, און דערנאָך מיט אַלע אידן, קומט דאָך אויס אַז פנחס האָט געלערנט צוזאַמען מיט אַלע אידן גלייך), אַז קנאים פוגעים בו. האָט מען אים געזאָגט, קריינא דאיגרתא איהו ליהוי פרוונקא[3] — דער לייענער פון בריוו, ער זאָל אויך זיין דער שליח.

די אָנווייזונג פון דעם איז:

עס זיינען פאַראַן עניים וואָס גדו־לים שבדור שווייגן און זאָגן ניט וועגן דעם, איז דאָס ניט אַלעמאָל אַ ראי׳ אַז מען דאַרף גאָרניט טאָן, און מאַכן חשבונות און לומדות אויף אַרויסדרייען זיך פון דעם. מען דאַרף וויסן, אַז אויב ער זעט אַז ער קאָן טאָן אין דעם, דאַרף ער טאָן, און דאָס וואָס גרעסערע פון אים זאָגן גאָרנישט, איז דאָס אפשר כדי שיטול פנחס את הכהונה[4]. ד. ה. אַז דאָס איז זיין חלק וואָס ער דאַרף דאָס מברר זיין, און דורכדעם דוקא וועט ער צוקומען צו זיין שלימות.

אַזוי ווי אין גשמיות האָט דאָך יעדער איינער זיין חלק, ואין אדם נוגע בפרנסתו של חברו[5], אַזוי איז

31) משלי ג, ו.

*) כצ״ל גם בהוצאות שלפ״ז.

1) במדב״ר פ״כ, כה. תנחומא בלק, כא.

2) עירובין נד, ב.

3) סנהדרין פב, א.

4) במדבר רבה פרשה כ, כד.

5) על דרך אין אדם נוגע במוכן לחבירו — יומא לח, ב.

# Classical Concepts

# טייטש Translations

| טייטש | ווארט | טייטש | ווארט |
|---|---|---|---|
| To connect | מחבר זיין | Like (we) explained | ווי דערקלערט |
| דאס הייסט This means | ד.ה. | All things | אלע זאכן |
| While standing | שטייענדיק | In all your ways you should know Him (Hashem) | בכל דרכיך דעהו |
| It should be felt | זאל זיך אנהערן | | |
| It means | מיינט עס | Also | אויך |
| Both | סיי | His human intellect | זיין שכל אנושי |
| The G-dly intention | כוונה האלקית | Like we discussed | ווי מען האט גערעדט |
| Because | ווייל | It must be | עס דארף זיין |
| He is fulfilling | פירט זיך אויס | The fiftieth gate | שער הנו"ן |

ing the case, if a Jew is disconnecting himself, even for a small portion of his day, the implications will not be limited to that specific period in time, but they will negatively affect all other times as well. This all was the claim of Lavan "The daughters are my daughters and the sons are my sons".

6. The distinction Lavan made between the time a Jew is involved in spirituality and the time spent on physicality, may seem to be a fair assumption, but in reality, it is far from the truth. When a Jew is involved in any form of physical activity, so long as he is aware of what the purpose is, that action in itself is a form of serving Hashem. A Jew must constantly remind himself that the only reason why he is preforming any sort of physical action is in order to fulfil Hashem's desire to create a dwelling place for him in this physical world. With that intention in mind, not only will his connection with Hashem not suffer, but it will actually be strengthened. This is why Bilam said that the Jewish people are always connected and belong to their holy forefathers, since even their physical actions, which Lavan believed belonged to him, are filled with the intention of serving Hashem.

7. When a Jew goes out into the physical world he must affix "guardrails" to ensure his safety. He must create lines that he will never cross under any circumstances. Once he does this, he can be certain that he will be able to deal with the physical world without losing focus of what he is trying to accomplish. The Avos were compared to a Merkava-a wagon, which only acts based on the desires of the wagon driver and has no wishes of its own. We must follow in their footsteps and be certain that every single action, including the physical ones, is for the right purpose.

8. This also applies when one is immersing himself in the study of Torah. A person must be careful while learning to never forget about the holiness of that which he is trying to understand. Of course his goal must be to truly comprehend the concepts he is learning, but at the same time he must never lose the feeling for the G-dliness which is contained inside.



במילא טענה׳ט לבן, אַז הבנות בנתי והבנים בני, וויבאַלד אַז די דאַרפסט אַנקומען און האָבן צו טאָן מיט גשמיות, איז על כל פנים אויף יענער רגע — וואָס דאָס איז אויך נוגע אויף להבא כנ״ל — רייסט זיך אָפּ פון אלקות. דאָס איז לבן׳ס טענה.

אָבער דער אמת איז ניט אַזוי. ווייל אויב מען טוט אין די דב־רים הגשמיים צוליב דער כוונה אלקית וואָס איז פאַראַן אין דעם, וואָס די כוונה איז להיות לו יתברך דירה בתחתונים[28], און דערפאַר טוט ער מיט די ענינים תחתונים, דע־מאָלט איז דאָס אַפילו אין יענער רגע גופא אויך ניט קיין ירידה נאָך אַן עלי׳, ביז אַז אַפילו בלעם אַליין, מיוצאי חלציו של לבן, וואָס ער איז געווען אַ שתום העין, האָט אויך געזען, אַז מראש צורים אראנו ומ־גבעות אשורנו.

ו. דער ענין אין עבודת השם איז: אַז מען קומט צו גיין און מען טע־נה׳ט, אַז מצד ירידת הנשמה בגוף דאַרף מען דאָך אויף על פי תורה עוסק זיין זיך אין גשמיות, און פרנ־סת בני ביתו איז דאָך אַ מצוה און אַ חיוב[29], במילא דאַרף ער זיך צו־גרייטן צו ענייני עסק און מאַכן הכנות צו דעם;

נאָכמער, חסידות אַליין איז דאָך מבאר, אַז וברכך הוי׳ אלקיך בכל אשר תעשה[30] דוקא, דאָס מיינט די לבושי העשי׳ הגשמיית; עס זיינען ניט גענוג לבושים פון די מזלות העליונים, נאָר מען דאַרף האָבן די לבושים פון עולם הזה הגשמי.

במילא, כאָטש ער טוט עס טאַקע צוליב דער כוונה אויף צו דינען דעם אויבערשטן, וואָס דורך די עניני עסק הגשמיים וועט אים צוקומען אַ תוספות אין לימוד התורה און אין קיום המצוות, אָבער אין יענער רגע על כל פנים איז ער זיך עוסק בגש־מיות, אַזוי ווי להבדיל ניט קיין איד חס ושלום.

דאַרף מען וויסן אַז דאָס איז די טענה פון לבן׳ען, הבנות בנתי והבנים בני, וואָס ער האָט גע׳טענה׳ט אַז אידישע גשמיות געהערט צו לבן׳ען.

אָבער דער אמת איז, אַז מראש צורים אראנו ומגבעות אשורנו. בשעת מען מאַכט אַ מעקה צו דעם בית חדש — ווי מען האָט גערעדט בשי־חת יב־יג תמוז, אַז בשעת מען גייט אַרויס פון די דל״ת אמות של תו־רה ותפלה צו עוסק זיין זיך אין ענייני עולם, מאַכט מען אַ מעקה — הערט זיך דעמאָלט אָן בשעת דעם עסק הגשמי גופא די כוונה אלקית וואָס איז פאַראַן אין דעם, ובמילא איז מראש צורים אראנו ומגבעות אשורנו, וואָס זיי זיינען דאָך בכל עניניהם געווען בבחינת מרכבה, און אַזוי אויך יעדער איינער בעת קיום

28) זע תנחומא נשא טז.

29) זע כתובות מט־ב. שולחן ערוך אבן העזר סימן עא, סעיף א.

30) דברים טו, יח. קונטרס ומעין מאמר יט און ווייטער.

# טייטש׳ן TRANSLATIONS

| ווארט | טייטש |
|---|---|
| במילא | Automatically, |
| טענה׳ט לבן | Lavan claims |
| אז הבנות בנתי | that the daughters are my daughters |
| והבנים בני | and the sons are my sons. |
| וויבאלד | Since |
| אז דו דארפסט אנקומען | you must come onto, |
| און האבן צו טאן | and have to deal |
| מיט גשמיות | with physicality, |
| איז על כל פנים | so at least |
| אויף יענער רגע | for that moment |
| -וואס דאס איז אויך | -which this is also |
| נוגע אויף להבא | relevant to the future |
| כנ"ל- | like mentioned previously- |
| רייסט דיך אפ | you tear yourself away |
| פון אלקות | from Godliness. |
| דאס איז לבן׳ס טענה | This is Lavan's claim. |
| אבער דער אמת | But the truth |
| איז ניט אזוי | is not so, |
| ווייל אויב מען טוט | because if one is involved |
| אין די דברים הגשמיים | in the physical matters |
| צוליב די כוונה אלקית | for the G-dly intention |
| וואס איז פאראן אין דעם | which exists in it, |
| וואס די כוונה איז | which the intention is |
| להיות לו יתברך דירה בתחתונים | to create a dwelling place for Hashem in the low (physical) world, |
| און דערפאר | and therefore |
| טוט ער מיט די ענינים תחתונים | he is involved with "lower" (physical) things, |
| דעמאלט איז דאס | then it is, |
| אפילו אין יענער רגע גופא | even at that moment itself |
| אויך ניט קיין ירידה׳ | not only not a descent |
| נאר אן עלי׳ | but (rather) an ascent, |
| ביז | until |
| אז אפילו בלעם אליין | even Bilam himself, |
| מיוצאי חלציו של לבן | a descendant of Lavan, |
| וואס ער איז געווען | which was |
| א שתום העין | a (person with an) "open eye", |
| האט אויך געזען | also saw |
| אז מראש צורים אראנו | that "From their beginning, I see them as mountain peaks |
| ומגבעות אשורנו | and I behold them as hills" (our entire existence, including physicality, is connected to our holy forefathers) |



# SHOW OFF YOUR KNOWLEDGE!

1. **WHAT** was Lavan's claim regarding the Jewish people?

2. **WHAT** did Bilam say to refute that claim?

3. **WHY** was Lavan wrong?

4. **HOW** does this apply to Torah learning?

# NOTES:

לעילוי נשמת
ר' קלונימוס בן שמעון
ולעילוי נשמת
מרת רחל גיטל חי' בת
אברהם אבא

BACK 2 BASICS

Seeing the Parsha the way the Rebbe does

© 5771 YC SHLUCHIM COVER: LEIBEL KRINSKY INFO: DOVID RACHMANI LAYOUT: MENACHEM ARON

TO RECEIVE THIS BOOKLET WEEKLY VIA EMAIL, CONTACT YCBACK2BASICS@GMAIL.COM